בס"ד

פרשת
**תזריע-מצורע**



# א שמועס ביים שבת טיש

להערות והארות התקשרו בדוא"ל: vortofshabbos@gmail.com

## • לימוד מהפרשה

**זאת תהיה תורת המצורע ביום טהרתו והובא אל הכהן**

מלמד שאין מטהרין אותו בלילה (רש"י)

מיר האבן די וואך די פרשה פון ווערן ריין פון נגעים מיט מחלות. דער מצורע דארף "געברענגט ווערן" צום כהן - "והובא" אל הכהן. פארוואס קען ער נישט קומען ? פארוואס שטייט נישט "ובא" אל הכהן ?

זאגט הגרי"נ קארניצער זצ"ל: דער אייבערשטער איז א כהן און ער קומט רייניגען דער מענטש. דער אמת איז אז דער מענטש אליין "קען נישט". אלמלא עוזרו לא היה יכול לו, דער יצר איז א מלאך און מיר זענען קליינע מענטשעלעך. די איינציגע זאך וואס מיר קענען אפשר איז "וועלן". אבער למעשה "טוט" ער אייבערשטער. מיר רעדן זיך איין אז מיר טוהען אבער למעשה "והובא" אל הכהן, מיר ווערן געברענגט. דער אייבערשטער בטובו הגדול געבט אונז 'קרעדיט' כאילו מיר אליין טוהען אלעס, והנה נרפא נגע הצרעת "מן הצרוע", כאילו דער מצורע אליין האט זיך געהיילט.

די גמרא פארציילט אז ווען משיח וועט קומען וועט זיין א גרויסע וויינעריי פון צדיקים און רשעים. צדיקים ווען וויינען אויף די גרויסע בארג וואס זיי האבן באזיגט. וואס איז דא צו וויינען ? דעמאלטס גייט מען איינזעהן אז זיי אליין האבן נישט געקענט געוואונען, והא ראיה עס איז אזא גרויסע בארג, עס איז געווען דער אייבערשטער, מיר האבן געלעבט אין א דמיון! אודאי האבן זיי א חלק, אבער נאר די ערשטע חלק פון בוחר זיין בטוב, למעשה האט דער אייבערשטער געטון.

מיר זענען יעצט ארויס פון מצרים ברכוש גדול. וואס איז די רכוש גדול ? מיינט עס טאקע פשוט געלט, אברהם אבינו קען מען אפקויפן מיט געלט ח"ו ? דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו: **כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם - דיינע קינדער זאלן אלעמאל וויסן אז מ'איז "בארץ לא להם", און ווילאנג זיי וועלן זיך דאס נישט אויסלערנען, וועט זיין "ועבדום ועינו אותם" וועט זיין עבדות. ווען מ'לערנט זיך אויס אז נאר דער אייבערשטער איז בעה"ב און מיר האבן גארנישט און טוהען גארנישט, דאן זענען מיר אנגעקומען צו "רכוש גדול".**

רש"י זאגט אז ביי די מצוה פון נגעים איז דא גוטע נייעס, די נגע גייט ברענגן אויפצוברעכן די וואנט און טרעפן די גרויסע אוצרות וואס די אמוריים האבן באהאלטן. פון וועלכע אוצרות רעדט מען דא ? וואס האבן זיי "באהאלטן" ?

והנה הנגע בקירת הבית, די אמוריים באהאלטן אוצרות אין די וואנט, "קיר" אותיות "קרי", אלעס איז א מקרה, ס'איז געשען. זיי זאגן עס נישט אפענערהייט, זיי וועלן מודה זיין אז עס איז דא א באשעפער, אבער מיר קענען אליין אויך...ח"ו. אזוי ווי איין "חכם" פאליטישן האט געזאגט אז "ער" האט אראפגעברענגט די נאמבערס פון די ווירוס. פרעגט אים נאר ווער האט דאס געברענגט און ווער האט איבערגעדרייט די גאנצע וועלט....

מ'קען נישט מטהר זיין א מצורע ביינאכט ווען עס איז טונקל, טהרה מיינט אז עס ווערט ליכטיג אין די אויגן, מ'אנערקענט דעם אמת.

ווען מ'אנערקענט דעם אמת טרעפט מען א טייערער "אוצר", א רכוש גדול מאוד מאוד.

## • מעשה

**די ווייגעריי האט זיך אפגעשטעלט**

איך האב א זיסע און א לעבעדיגע טאכטער, זי הייסט שרה'לע. ווען זי איז אונטערגעוואקסן האב איך איר אריינגעשיקט אין א לאקאלע קינדערגארטן אז זי זאל דארט לערנען ביז ווען זי וועט אנקומען צו די עלטער ווען זי וועט קענען גיין אין שולע. א שטיק צייט איז זי געגאנגען אין די קינדערגארטן און זיך פיין איינגעגלידערט.

איין טאג ווען מען איז געקומען אפנעמען שרה'לע האט די לערערין דערציילט אז זי האט געהאלטן אין איין וויינען. א טאג שפעטער האט זי געזאגט אז זי וויל מער נישט גיין אין קינדערגארטן. מען האט איר געטרייסט, זי האט זיך געלאזט איבעררעדן, זי איז געגאנגען אין קינדערגארטן אבער אגאנצע צייט האט זי געוויינט. די ערשיינונג איז געווארן ערגער און ערגער, ביז ווען די לערערין האט קלארגעשטעלט אז אויב עס גייט אן אזוי ווייטער וועט זי מער נישט קענען האלטן דאס קינד ביי איר.

איך און מיין פרוי זענען געווען זייער צובראכן, מיר האבן נישט געקענט פארשטיין וואס האט פאסירט צו אונזער זיסע שרה'לע. ווי אזוי דרייט זיך א קינד איבער פון טאג צו טאג? מיר האבן געמאכט א שטיקל חשבון הנפש און דאן האט זיך מיין פרוי דערמאנט פון א געשעעניש וואס עס האט פאסירט א שטיק צייט צוריק. מיט צוויי יאר פריער האט מיין פרוי געפירט א קינדערגארטן אין שטוב, עס איז געקומען א צייט ווען זי האט עס פארשלאסן. דער אפשליסן איז געווען זייער פלוצלונג, און נישט וועלנדיג אז די קינדער זאלן בלייבן אויפ'ן וואסער האט מיין פרוי איבערגעגעבן די קינדער צו א באקאנטע וועלכע האט אויך באוויליגט איבערצונעמען די קינדערגארטן.

צווישן די קלענערע קינדער איז געווען איין קינד וואס האט אסאך געוויינט און געמוטשעט. מיין פרוי האט געשפירט פאר וויכטיג מיטצוטיילן דער איינצלהייט מיט די נייע לערערין. די לשון הרע איז אריבער און זי האט עס איבערגענומען און ווען די פרוי האט אריינגעשיקט דאס קינד האט זי געלאזט וויסן פאר די עלטערן פונעם קינד אז מען קען נישט אננעמען דאס קינד - ווייל זי וויינט צופיל און זי גייט אויף די נערוון. "אפשר דארף מען איר איבערבעטן" האט מיין פרוי געזאגט.

מיר האבן נישט פארברענגט קיין צייט, מען האט אנגעקלינגען יענעם און נאכ'ן זיך פארשטעלן און הערן וועגן וואס מען רופט איז זי געווארן אויסער זיך פאר כעס. "איך קען אייך נישט מוחל זיין, איר ווייסט נישט וואס איר האט געטון מיט מיר יענע צייט". מיט ביטערניש האט זי דערציילט וואס זי איז אריבער, אויספירנדיג פאר מיין פרוי אז זי ווייסט נישט וואס זי גייט אריבער. "גראדע ווייס איך דוקא יא". מיין פרוי האט איר דערציילט וואס עס גייט אריבער אויף איר יעצט. נאך א לענגערע שמועס האבן זיך די צוויי פרויען מוחל געווען איינער פאר די אנדערע.

נאכ'ן אראפלייגן האט מיין פרוי אנגעקלינגען אין קינדערגארטן און געפרעגט פאר די לערערין וואס מאכט איר שרה'לע. "זי האט זיך געטוישט, איך ווייס נישט וואס דו האסט געטון אבער זי איז צוריק געווארן די אמאליגע זיסע שרה'לע". מיין פרוי האט געוואוסט און געדאנקט הקב"ה פאר די חסד אז זי האט געקענט אפווישן פון איר אן אלטע פלעק און צוריקשטעלן איר טאכטער אין פלאץ.

*(גענומען פון די וואונדעליכע גליון "השגחה פרטית")*

## *א גוט שבת*